**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 1/14/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער HOCHUL (האקול) שלאגט פאר נייע געזעצן צו באשוצן קאנסיומערס און האלטן געלט אין ניו יארקערס' קעשענעס**

***פארלאנגט 30-טאגיגע ראם פאר ריטורנס, געבנדיג פאר קאנסומערס אן אייניגע סטאנדארט***

***שיצט אנטקעגן וועבזייטלעך נוצן פערזענליכע אינפארמאציע צו שטעלן פרייזן אן דעם קאנסומער'ס וויסן***

***ווערן שטרענג אויף אומ'יושר'דיגע אווערדרעפט פרייזן וואס צילן נידריג-אינקאם קאסטומערס***

***רעגולירן 'קויף יעצט, באצאל שפעטער' הלוואות און אוועקשטעלן לייסענסינג און אויפזיכט פרעימווארקס***

***פארגרינגערן פאר קאנסומער צו אנולירן אדער באנייען סובסקריפשאנס דורך אן איינפאכערע, מער דורכזיכטיגע פראצעדור***

***צווינגען ענערגיע פירמעס צו צוריקגעבן אומגע'קלעימ'טע געלטער פאר קאסטומערס***

***באקעמפן זקנים פינאנציעלע אויסנוצונג און באשיצן אנטקעגן שווינדלערישע אקטיוויטעט***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט געמאלדן נייע פארשלאגן צו באשיצן ניו יארק קאנסומערס אלץ טייל פון איר 2025 סטעיט פון די סטעיט. דאס רעכנט אריין פארשלאגן צו באשיצן קאנסומערס שאפינג אנליין, ווערן שטרענג אויף אומ'יושר'דיגע פירונגען און רעגולירן נייע אינדוסטריעס.

"ניו יארקערס זענען מיד פון ווערן אויסגענארט דורך באהאלטענע אפצאלונגען, איבערגעטריבן-שווערע פאליסיס, צעמישנדע קליינע אותיות און אומ'יושר'דיגע פירונגען," **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "אנליין שאפינג איז אלס מער פאפולער, און מיר דארפן אפדעיט'ן אונזערע געזעצן צו אפשפיגלען די נייע צייטן. דאס איז די סיבה פארוואס איך שלאג פאר לאנד-פירנדע קאנסומער באשיצונגען וואס פריאריטיזירן קאנסומער רעכטן און האלטן שווער-אויסגעהארעוועטע געלט אין ניו יארקערס' טאשן."

בשעת ניו יארקערס שפירן ווייטער די פינאנציעלע דרוק פון אינפלעישאן, האט גאווערנער Hochul (האקול) געמאכט איר פריאריטעט צו לייגן מער געלט צוריק אין פאמיליעס' טאשן - און פארזיכערן אז עס בלייבט דארט. פון ווערן שטרענג אויף פארציקנדע באנק פרייזן ביז אונטערשרייבן קאמאן-סענס לעגיסלאציע צו באשיצן אנטקעגן אינפארמאציע רויבערייי, האט גאווערנער Hochul (האקול) געקעמפט פאר קאנסומערס. בויענדיג אויף איר ארבעט צו אדוואקעיט'ן פאר קאנסומערס, טוט גאווערנער Hochul

(האקול) פארשלאגן פאליסיס וועלכע וועלן פארזיכערן אז ניו יארק סטעיט קען פירן אין אוועקשטעלן קאמאן-סענס, נארמאלע קאנסומער באשיצונגען וועלכע וועלן באשיצן פאקעטבוקס און העלפן פאמיליעס ווייטער גיין.

***אוועקשטעלן א סטאנדארט פון 30-טעג ריטוירנס און ריפאנדס***

קאנסומער קויפן כסדר מער און מער אנליין, מאכן מער ריטוירנס, און דארפן כסדר דורכגיין א ים פון פארשידנארטיגע ריטוירן ראמען, ריסטאקינג אפצאלונגען, ריפאנד פארמאטן, שיפינג פירונגען און נאך. ניו יארקערס, ספעציעל דורכאויס די האלידעי סעזאן, ווייסן ווי שווער עס איז צו באלאנסירן פארשידענע ריטוירן פאליסיס וואס גילטן ווען זיי קענען צוריקשיקן א געשאנק אדער אויפטוישן קליידונג וואס איז צו גרויס אדער קליין.

מיט די שטייגנדע אי-קאמערס פארקויפונגען און ריטוירנס וואס זאמלען זיך אן צו ביליאנען דאלארן יערליך, קומט זיך פאר ניו יארקערס צו האבן שטארקערע קאנסומער באשיצונגען. גאווערנאר Hochul (האקול) שלאגט פאר לעגיסלאציע צו פארלאנגען ריטעיל פארקויפערס צו אפערן א מינימום 30-טאג ריטוירן ראם פאר פארשידענע פראדוקטן סיידן עס שטייט קלאר אנדערש. גאווערנאר Hochul (האקול)'ס פארשלאג וועט ווערן צוגעפאסט צו מיטלגארטיגע און גרעסערע ביזנעסער און וועט אריינגעמען אויסנאמען פאר זאכן וואס קענען ווערן פארדארבן, קאסטומיזירטע, פיינעל סעיל, אדער אנדערע פראדוקטן וועלכע זענען נישט בארעכטיגט פאר ריטוירן. די ערשטמאליגע איניציאטיוו וועט אוועקשטעלן א נייער סטאנדארט פאר קאנסומער רעכטן און מאכן אנליין שאפינג מער יושר'דיג און מער פארלעסליך פאר ניו יארקער.

**צוריקקעמפן אנטקעגן אלגאריטמיק פרייז דיסקרימינאציע**

אזוי ווי קאנסומערס שפענדן מער פון זייער צייט און געלט אנליין, טיילן זיי אויך מיט מער אינפארמאציע אזוי ווי בראוזינג אויפפירונג, לאקאציע, און איינקויף היסטאריע מיט די פירמעס מיט וועמען זיי באגייען זיך. כאטש וואס טייל פירמעס האבן היסטאריש געטוישט פרייזן באזירט אויף אויסערליכע מארקעט אומשטענדן, מיינט די היינטיגע טעכנאָלאָגיע אז קארפאראציעס קענען זאמלען הויפנס פערזענליכע אינפארמאציע, עס אריינפיטערן אין אלגאריטמס, און מעגליך נוצן די סיסטעמען צו באשאפן א פרייז וואס איז אינדיווידועל לויטן קאנסומער. דער איינפירונג, וואס די FTC האט אנגערופן סורוועילענס פרייסינג, קען אוועקנעמען פון קאנסומערס זייער מעגליכקייט צו פארגלייכן איינקויפונגען, פלאנירן פארן פרייז פון פראדוקטן און סערוויסעס, און קען אין טייל פעלער מעגליך זיין דיסקרימינירנד.

גאווערנאר Hochul (האקול) שלאגט פאר ערשטע-אין-לאנד לעגיסלאציע וואס פארלאנגט פון ביזנעסער צו מעלדן אנליין איינקויפערס ווען פרייזן ווערן באזירט אויף זייער פערזענליכע אינפארמאציע. צו פארזיכערן אז פירמעס טוען נישט דיסקרימינירן אנטקעגן מענטשן אין ווי אזוי זיי שטעלן דעם פרייז אויף פראדוקטן, וועט גאווערנאר Hochul (האקול) ארבעטן צו אויסדרוקליך פארבאטן דעם באנוץ פון באשיצטע קלאס אינפארמאציע, וואס נעמט אריין אבער איז נישט באגרעניצט צו עלטער און מין, ביים באשטימען פרייזן.

**שטארקן באשיצונגען אנטקעגן אווערדרעפט און נישט-גענוג-געלט אפצאלונגען**

אווערדרעפט און נישט-גענוג-געלט אפצאלונגען טוען אומפראפארציאנאל שעדיגן נידריגע און מעסיגע אינקאם ניו יארקערס. אין נאוועמבער 2023, האט גאווערנאר Hochul (האקול) אונטערגעשריבן לעגיסלאציע צו באפולמעכטיגן די דעפארטמענט פון פינאנציעלע סערוויסעס ( Department of Financial Services) צו רעגולירן אביוסיוו פרייז פירונגען, אריינגערעכנט דעם אופן פון באצאלונג פאר טשעקס און נישט-גענוג געלט טשארדזשעס.

גאווערנאר Hochul (האקול) וועט באפעלן די דעפארטמענט פון פינאנציעלע סערוויסעס (Department of Financial Services) ארויסצוגעבן רעגולאציעס וואס צילן שווינדלערישע באנקינג פירונגען בשעת'ן פרעזערווירן צוטריט צו הויכע קוואליטעט באנקינג סערוויסעס. די רעגולאציעס וועלן פארבאטן פארציקנדע אפצאלונגען, שטעלן א מאקסימום אויף דעם צאל טעגליכע אווערדרעפט טשארדזשעס, און פארבעסערן דורכזיכטיגקייט דורך צייטליכע מעלדונגען. די מאסנאמען וועלן באשיצן קאנסומערס און ערמעגליכן צוגענגליכע און אפארדעבל באנקינג סערוויסעס פאר אלע ניו יארקער.

**שטארקן סובסקריפשאן אנולירונג און באנייאונג באשיצונגען**

סובסקריפשאן סערוויסעס זענען א טייל פון טעגליכן לעבן אבער זיי צו אנולירן איז אפטמאל אומנויטיג קאמפליצירט. גאווערנאר Hochul (האקול) האט אונטערגעשריבן לעגיסלאציע וואס פארלאנגט פון ביזנעסער צו מעלדן קאנסומערס וועגן קומענדיגע באנייאונגען און צושטעלן קלארע אנווייזונגען אויף ווי אזוי צו אנולירן סובסקריפשאנס. כדי צו נאכמער באשיצן קאנסומערס, וועט גאווערנאר Hochul (האקול) פארשלאגן נאך לעגיסלאציע צו פארזיכערן אז קענסעלעישאן פראצעדורן זענען איינפאך, דורכזיכטיג, און יושר'דיג, פארזיכערנדיג אז עס איז פונקט אזוי גרינג צו אנולירן א סובסקריפשאן ווי עס איז געווען עס אנצוהויבן. די שריט וועלן ווידער באפעסטיגן ניו יארק'ס געטריישאפט צו באשיצן קאנסומער רעכטן און פארמיידן פארציקנדע פירונגען.

**אוועקשטעלן אויפזיכט אויף 'קויף יעצט, באצאל שפעטער' הלוואות**

"קויף יעצט, באצאל שפעטער" הלוואות זענען שטייגנד פאפולער אבער שטעלן ריזיקעס פאר קאנסומערס, אריינגערעכנט אווערעקסטענשאן, אומאיינינגע קרעדיט באריכטונג, אינפארמאציע אויסנוץ, און איבערגעטריבענע פרייזן. די זארגן שטרייכן אונטער דעם געברויך פאר שטארקערע איבערזיכט אין די שנעל-שטייגנדע פינאנציעלע סעקטאר.

גאווערנאר Hochul (האקול) שלאגט פאר לעגיסלאציע צו אוועקשטעלן א לייסענסינג און אויפזיכט פרעימווארק פאר קויף יעצט באצאל שפעטער פראוויידערס. די איניציאטיוו וועט אריינברענגען באשיצונגען, אזויי ווי אנטפלעקונג פאדערונגען, דיספיוט שליכטונג סטאנדארטן, שפעטע פרייז באגרעניצונגען, און אינפארמאציע פריוואטקייט באשיצונגען צו פארזיכערן אז קאנסומערס זענען בעסער באשיצט ביים נוצן די פינאנציעלע פראדוקטן.

**האלטן ענערגיע פירמעס אקאונטעבל פאר רעוועניו ריטוירן**

יוטיליטי פירמעס זענען פארלאנגט צו צוריקשיקן אומגע'קלעימ'טע געלטער פאר ניו יארק איינוואוינער, אבער ענערגיע סערוויס פירמעס (ESCOs) זענען נישט אויסגעשטעלט צו די זעלבע פאדערונג, שאפנדיג א לאך וואס ריזיקירט געלט וואס באלאנגט ריכטיג פאר איינוואוינער זיך דורכצוגליטשן די שפאלטנס. כדי דאס צו אדרעסירן, וועט די גאווערנאר פארשלאגן לעגיסלאציע צו פארזיכערן אז ESCOs זענען אויסגעשטעלט צו די זעלבע פאדערונגען ווי יוטיליטי פירמעס.

**באקעמפן זקנים פינאנציעלע אויסנוץ**

יעדעס יאר, פארלירן עלטערע אמעריקאנער ביליאנען צוליב פינאנציעלע סקעמס און רויבעריי. קרימינאלן טוען ברוטאל פרובירן צו אויסנארן עלטערע ניו יארקערס, וואס קען זיי בארויבן פון זייערע סעיווינגס און קוואל פון פינאנציעלע זיכערהייט.

צו באקעמפן זקנים פינאנציעלע אויסנוץ, וועט גאווערנאר Hochul (האקול) זוכן לעגיסלאציע צו העלפן באשיצן אנטקעגן שווינדלערישע אקטיוויטעט דורכן צושטעלן מער אויטאריטעט פאר בענק און אנדערע אינסטיטוציעס אפצושטעלן געוויסע פארדעכטיגטע טראנזאקציעס און פארלאנגען באריכטונג פון פארדעכטיגטע שווינדל און אויסנוץ צו געזעץ איינפארסירונג און ערוואקסענע שיץ סערוויסעס. מער שטיצע וועט ווערן צוגעשטעלט צו ערמעגליכן די סטעיט צו אנטוויקלען טרענירונג פאר פינאנציעלע

אינסטיטוציעס אויף ווי אזוי צו טרעפן פינאנציעלע אויסנוץ פון עלטערע און עמפינדליכע ערוואקסענע בשעת'ן באשיצן זייער זעלבסטשטענדיגקייט.

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון פינאנציעלע סערוויסעס ( Department of Financial Services) סופעראינטענדענט Adrienne Harris (אדריען האריס) האט געזאגט**, "ניו יארקערס זאלן נישט ווערן אומ'יושר'דיג באשטראפט פארן נוצן סערוויסעס אזוי ווי אווערדרעפט באשיצונג און קויף יעצט באצאל שפעטער פראדוקטן צו דעקן אויסגאבן. איך בין שטאלץ צו ארבעטן מיט גאווערנאר Hochul (האקול) צו באשיצן אויסנארנדע פרייזן און פארזיכערן אז קויף יעצט באצאל שפעטער פירמעס טוען זיך מער נישט פירן אומרעגולירט אין די סטעיט."

**ניו יארק סטעיט פובליק סערוויס קאמישאנער Rory M. Christian (ראָרי מ. קריסטשען) האט געזאגט**, "איך אפלאדיר גאווערנאר Hochul (האקול)'ס ווייטערדיגע שטופ צו העלפן קאסטומערס אין ניו יארק סטעיט, און די נייע שריט צו האלטן ענערגיע סערוויס פירמעס אקאונטעבל פאר זייערע קאסטומערס איז א גרויסע שריט אין יענעם ריכטונג."

**ניו יארק סטעיט סעקרעטארי אוו סטעיט Walter T. Mosley (וואלטער ט. מאסלי) האט געזאגט**, "ביים אפטיילונג פון קאסטומער באשיצונג, ארבעטן מיר שווער צו באשיצן קאנסומערס פון ווערן אויסגענוצט איידער, בשעת און נאך אן איינקויף אין-געשעפט אדער אנליין. מיר אפלאדירן גאווערנאר Hochul (האקול)'ס פארשלאג צו שטארקן די געזעצן וואס וועלן האלטן נאכלעסיגע אקאונטעבל און זיך שטעלן אויף די רעכטן פון ניו יארק'ס קאנסומערס אינעם מארקפלאץ."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן